## איציק מאַנגער

# אַבֿרהם און שׂרה

„אַוורעמל, ווען וועלן מיר האָבן אַ קינד?
מיר זענען ביידע שוין אַלטע לײַט.
בײַ לײַטן אַ פֿרוי אין די יאָרן ווי איך
איז שוין דאָס אַכצנטע מאָל אויף דער צײַט.”

אַבֿרהם אָבֿינו שמייכלט און שווײַגט
און פּיפּקעט פֿון זײַן ליולקע רויך:
„בטחון, מײַן ווײַב. אַז דער אייבערשטער וויל,
שיסט אַפֿילו אַ בעזעם אויך.”

„אַוורעמל, דו הערסט, אַיעדע נאַכט
הער איך ווי ס'כליפּעט מײַן לײַב,
און הגר איז דאָך נאָר דײַן דינסט
און איך בין דײַן אמתדיק ווײַב.

אָפֿט דאַכט זיך מיר, אַז דער שטערן אין שויב
איז די נשמה פֿון אונדזער קינד,
וואָס וואָגלט אַרום אַיעדע נאַכט
צווישן רעגן, שאָטנס און ווינט.”

אַבֿרהם אָבֿינו שמייכלט און שווײַגט
און פּיפּקעט פֿון זײַן ליולקע רויך:
„בטחון, מײַן ווײַב. אַז דער אייבערשטער וויל,
שיסט אַפֿילו אַ בעזעם אויך.”

„אַז איך זע אַ מאָל, ווי הגרס קינד
שפּילט זיך מיט דער זון אין זאַמד,
און איך גיב איבערן קעפּל אַ גלעט,
ווערט מאָדנע טרויעריק מײַן האַנט.

און אַז איך נעם דאָס קינד צו זיך אויפֿן שויס
און סע שמייכלט אַזוי קלוג און גוט,
ווערן מײַנע אויגן פֿײַכט און גרויס
און ס׳ווערט מאָדנע טרויעריק מײַן בלוט.

אַוורעמל, ווען וועלן מיר האָבן אַ קינד?
מיר זענען ביידע שוין אַלטע לײַט.
בײַ לײַטן אַ פֿרוי אין די יאָרן ווי איך
איז שוין דאָס אַכצנטע מאָל אויף דער צײַט.”

אַבֿרהם אָבֿינו שמייכלט און שווײַגט
און פּיפּקעט פֿון זײַן ליולקע רויך:
„בטחון, מײַן ווײַב. אַז דער אייבערשטער וויל,
שיסט אַפֿילו אַ בעזעם אויך.”

© 2005 Leonard Prager. All Rights Reserved.